בחינם!

# תורת אביגדור

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

צוזאמען געקליבען פון זיינע שיעורים, ספרים
און די כתבים פון זיינע תלמידים

אידיש

פרשת וישב

# א געלעגנהייט!

"תורת אביגדור", די היינט שוין וועלט בארימטע פארשפרייטער פון די תורה און הדרכה פון הגאון ר' **אביגדור מיללער זצ"ל**, וואס היינט צוטאגס ווערן די **"תורת אביגדור"** קונטריסים אויף ענגליש געליינט איבער 18,000 מאל א שבת איבער די גאנצע וועלט, לייגט צו א נייע אפטיילונג – נעמליך די שרייבן און דרוקן תורת אביגדור אויף אידיש, וואס דעם דאזיגען קונטרס וואס איר האלט אין די הענט, איז די התחלה צו דעם אינטערנעמונג. און מיט דעם ווענדין מיר זיך צום ציבור: **כאפט אריין דעם געלעגענהייט און זכות הרבים,** העלפט אונז ארויס אין אונזער אויפגאבע און נעמט א טייל אין די שרייבען, דרוקען און פארשפרייטען דעם רב'ס שמועסען און הדרכות פאר די היימישע ציבור. פאר מער אינפארמאציע פארבינדט אייך מיט אונזער אפיס, אויף די אדרעססען סוף פון דעם בלאט.

*

**Sign up for Toras Avigdor in English**

web: Bit.ly/TorasAvigdor

email:Info@TorasAvigdor.org

*

***© Copyright 2018***

***TorasAvigdor.org***

**info@TorasAvigdor.org**

**732.844.3670**

**5014 16th Avenue Suite 488**

**Brooklyn NY 11204**

# חֶרְפַּת נָבָל אַל תְּשִׂימֵנִי*

## כל מה שאירע ליוסף אירע לציון

די מעשה פון יוסף הצדיק אין מצרים, ווי ער איז באשולדיגט געווארן דורך דער פרוי פון פוטיפר, איז גוט באקאנט פאר יעדן (בראשית לט). דאס ווייב פון פוטיפר האט אים פרובירט איבערצורעדן צו אן עבירה, אבער יוסף הצדיק איז געבליבן געטריי צו השי״ת. ער האט געדענקט דאס יראת שמים וואס זיין גרויסער פאטער יעקב אבינו האט אין אים ארייגעלייגט, און ער האט איר אפגעזאגט. די מרשעת איז דערפון געווארן אזוי דערצארנט, אז זי האט אויסגעדרייט די מעשה און גאר באשולדיגט יוסף הצדיק, אז ער זאל גאר האבן געפרואווט צו איר ארייצנצווינגען אין דער עבירה.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן אין מדרש, אויפן פסוק, "וַתִּקְרָא לְאַנְשֵׁי בֵיתָהּ וַתֹּאמֶר לָהֶם לֵאמֹר רְאוּ הֵבִיא לָנוּ אִישׁ עִבְרִי לְצַחֶק בָּנוּ... וָאֶקְרָא בְּקוֹל גָּדוֹל."

**"נתנה אותו בפיהם של כולם"** — זי האט אים ארייגעלייגט אין יעדנס מויל, אז אלע זאלן פון אים רעדן (בראשית רבה פו, ח).

מען קען זיך פארשטעלן וויאזוי יוסף הצדיק האט געשפירט, ווען פוטיפר מיט זיין פרוי האבן אים געפירט איבער די גאסן פון מצרים אויפן וועג צום שטאט הערשער. עס האט זיכער אנגעמאכט א טומל. פוטיפר איז דאך געווען א חשוב׳ער אנגעשטעלטער אינעם קעניגליכן הויף, און יוסף, זיין באדינער, איז אויך געווען גוט באקאנט צוליב

* קאפיטל 10 פונעם ספר "עורה כבודי", מאת הגה"צ רבי אביגדור הכהן מיללער זצ"ל. איבערגעזעצט און בעארבעט דורך יהודה הלוי ווייס.

דעם אויסטערלישן חן און קלוגשאפט, וואס האבן אים באליבט געמאכט ביי יעדן. און יעצט האט זיך פלוצלינג דאס רעדל געגעבן א דריי, אויפאמאל האט ער פארלוירן דעם גאנצן חן זיינעם, און ער ווערט גאר געפירט איבער די גאסן דורך זיין האר פוטיפר מיט זיין פרוי.

מיר קענען אננעמען, אז בשעת מען האט אים געפירט איבער די גאסן צו זיין געריכט, האבן די מצריים געשארט הויפנס חרפות איבער זיין קאפ. זי האט אים נאכאנאנד נאכגעשריגן מיט באשולדיגונגען, און פוטיפר האט געקריצט מיט די ציינער. די מצריים וועלכע האבן בייגעוואוינט דעם ספעקטאקל האבן צוגעשאקלט מיט די קעפ, זאגנדיג, "וואס דען קען מען ערווארטן פון א איד...?"

חכמינו ז"ל אין מדרש (בראשית רבה פו, ח) שטעלן צו צום דעמאלטדיגן מצב פון יוסף הצדיק דעם פסוק אין תהלים (לט, ט), "**חֶרְפַּת נָבָל אַל תְּשִׂימֵנִי** – לאז מיך נישט אויסשטיין שאנד פון א געמיינעם, אומווירדיגן מענטש."

מיר דארפן אריינטראכטן אין די ווערטער פון דער תפלה וואס יוסף הצדיק האט דאן מתפלל געווען.

צו ווערן פארשעמט, איז קיינמאל נישט קיין בא'טעמ'טע זאך. אבער עס ווענדט זיך אסאך אין ווער עס פארשעמט און ווער איז דער וואס ווערט פארשעמט – **"הכל לפי המבייש והמתבייש"** (בבא קמא פג, ב). אויב א געמיינער מענטש ווערט פארשעמט, איז עס אים זיכער נישט קיין כבוד, אבער גלייכצייטיג אויך נישט אזא בושה. ווידער, ווען א חשוב'ער מענטש מוסר'ט עמיצן אויס, איז עס אפשר נישט אזוי געשמאק, אבער עס קען זיין אז די באשולדיגונג וואס ער מאכט קעגן יענעם איז אמת. לאמיר זיך אבער פארשטעלן וויאזוי עס שפירט זיך ווען עמיצער וואס איז אליין באגאנגען א געוויסע עוולה באשולדיגט א צווייטן אומשולדיגן מענטש אין באגיין אט די זעלבע עוולה. דאס איז דאך אן אמת'ע הארץ ווייטאג.

צו ווערן באשולדיגט און פארשעמט אויף דער זעלבער זינד וואס דער באשולדיגער אליין איז באגאנגען, אויף דעם האט יוסף הצדיק מתפלל געווען, "**חֶרְפַּת נָבָל אַל תְּשִׂימֵנִי**, לאז מיך נישט צושאנד ווערן דורך א געמיינעם מענטש."

די מרשעת אשת פוטיפר איז דאך געווען די וועלכע האט געוואלט באגיין די עוולה, און זי האט געטאן אלעס וואס זי האט נאר געקענט דאס אויסצופירן. זי פלעגט טוישן אירע קליידער צוויי מאל א טאג, צופרי און ביינאכט, כדי צו ציען זיין אויפמערקזאמקייט (יומא לה, ב). דערצו פלעגט זי כסדר, טאג-טעגליך, רעדן צו יוסף'ן דערוועגן (בראשית לט, י). דאן איז די געמיינע מרשעת געגאנגען, און געפירט יוסף הצדיק איבער די גאסן פון מצרים און אים נאכגעשריגן, "זעט נאר דעם איד וועמען מיר האבן אריינגענומען צו אונז אין שטוב, און וואס ער האט פרובירט צו טאן." דאס איז דאך געווען א שרעקליכער צער און ווייטאג, און יוסף הצדיק האט דערביי מתפלל געווען אז השי"ת זאל באשיצן כלל ישראל פון אזעלכע סארט באשולדיגונגען.

אין מדרש תנחומא (פרשת ויגש) *שטייט*, "**כל צרות שאירע ליוסף אירע לציון** – אלעס וואס האט פאסירט צו יוסף, האט פאסירט מיט ציון." (ציון איז אגב די געגוייע גימטריא פון יוסף = 156.)

אלעס וואס האט זיך אפגעשפילט דורכאויס דער לעבנס געשיכטע פון יוסף הצדיק, איז א סימן לדורות וואס עס וועט געשען מיט כלל ישראל אין אלע שפעטערדיגע צייטן. דעריבער האט יוסף הצדיק מתפלל געווען, אז ווען אזעלכע זאכן וועלן פאסירן מיט די אידן, זאל השי"ת מאכן אז אלע זאלן זען אז די אומות העולם זענען די אייגנטליכע שולדיגע אויף די אלע חטאים און פארוואורפן וואס זיי טענה'ען קעגן אונז.

אלזא, דארפן מיר וויסן, אז די אלע באשולדיגונגען אין די גוי'אישע שריפטן קעגן דעם אידישן פאלק, שפיגלען אייגנטליך אפ די אייגענע עוולות און פארברעכנס פון אונזערע באשולדיגער. דאס איז זייער א וויכטיגער כלל צו געדענקען ווען מען לערנט אפ אונזער היסטאריע צווישן די אומות העולם.

## די קריסטליכע קירכעס און די נאציס

לאמיר דעריבער באטראכטן די פאלגנדע פאסירונג. אום מאי דעם פערצנטן פון יאר ה׳ אלפים ת״ד, האט דער פויפסט אִינֶעצַאטִיוס דער פערטער געשריבן צום פראנצויזישן קעניג, אז ״די אידן באגייען אזעלכע שרעקליכע פארברעכנס וואס זענען צו גרויזאם אויפצוברענגען אויפן מויל...״ דאס איז נישט געווען בלויז א זייטיגע באמערקונג פונעם פויפסט צו עפעס א באדינער, נאר עס איז געשריבן געווארן אין אן אפיציעלן, דאקומענטירטן בריוו צו א גרויסן מאנארך, א וועלטס הערשער. דארט ווערט קלאר אנגעוויזן, אז די אידן זענען שולדיג אינעם באגיין די ערגסטע שוידערליכסטע פארברעכנס, זאכן וואס מען קען נישט אויפברענגען אויפן מויל.

אזא זאך איז נישט גענוג סתם אוועקצומאכן אלס הויל בלאף, נאר מיר דארפן עס אפלערנען אלס אן אפשפיגלונג פון די שוידערליכע אקטן וואס די אייראפעישע פעלקער זענען באגאנגען אין יענער תקופה!

**זיי** זענען געווען די וואס זענען באגאנגען אומדערהערטע פארברעכנס וואס לאזן זיך נישט אויפברענגען אויפן מויל! און נישט נאר די פריצים און מאכטפולע באנדיטן, נאר דער בריוו פונעם פויפסט דארף גענומען ווערן אלס אן ערנסטע אנדייטונג איבער די פארברעכנס וואס די פויפסטן זעלבסט זענען באגאנגען!

דער בריוו אליין איז א פארברעכן שאין כדוגמתו. איז דען פארהאן א הארבערע פארברעכן ווי שרייבן אזא פאלשע באשולדיגונג קעגן אן אומשולדיג, אומבאשיצט פאלק? דאס איז דאך דאס זעלבע ווי ארויסגעבן א קלארן באפעל צו גיין מארדן אידן. וואס טוט מען דען נישט זיך צו באשיצן פון א פאלק וואס באגייט אומדערהערטע פארברעכנס...?

קיין ערגערע באשולדיגונג אויפן פויפסט דארפן מיר נישט, וויבאלד דאס אליין איז אן אומדערהערטע געוואלדטאט און פארברעכן.

ווען היטלער ימח שמו וזכרו האט אומגעברענגט איבער צוואנציג טויזנט אידן טאג טעגליך, איז ער שוין געגאנגען אויף אן אויסגעטראטענעם וועג. אלע נאצישע גזירות זענען בסך הכל געווען א ווידערקלאנג פון אלטע גזירות פון די קירכעס.

די פארשידענע גזירות פון די נאציס, ווי צום ביישפיל; דאס טראגן א צייכן אויף די קליידער אז מען איז א איד און דורכדעם ווערן הפקר צו ליידן שאנד און שפאט פון יעדן שגץ אין גאס, ווי אויך דאס איינצוימען אידן אין געטאס און פארבאטן פאר אידן פילע סארטן פאכן און פרנסות, איז אלץ א המשך פון די אמאליגע גזירות פון די קירכעס.

״די ענדגילטיגע לעזונג צו דער אידן פראגע״, אוישוויץ, און די קרעמאטעריומס פון די נאציס ימ״ש איז גארנישט עפעס אנדערש ווי די פרוכט פון דעם גיפטיגן געוואוקס, וואס די קירכע האט געפלאנצט און געפלעגט במשך לאנגע יארן.

מען קען נישט פרעדיגן איבער ״א פאלק וואס באגייט פארברעכנס וואס זענען צו שוידערליך צו אויפברענגען אויפן מויל״, אן ערווארטן די זעלבספארשטענדליכע, שרעקליכע קאנסעקווענצן וועלכע האבן טאקע נישט געשפעטיגט צו קומען.

די שפעטער-אויפגעקומענע פראטעסטאנטישע קירכע איז נישט געווען מיט קיין האר בעסער. מאַרטִין לוטֶער ימ״ש, דער גרינדער פון דער פראטעסטאנטישער קירכע, האט עפנטליך דערקלערט אז ״די אידן זוכן שטענדיג א געלעגנהייט צו קענען אין געהיים מארדן א קריסט.״ אין יענע יארן האט אזא דערקלערונג באדייט: אן אפענע איינלאדענונג פאר די מאסן צו גיין מארדן אידן. גייענדיג מיט דעם אויבנדערמאנטן כלל זאגט דאס אונז אצינד ווער מארטין לוטער אליין איז באמת געווען.

מיר ווייסן קלאר פון וואו דאס אלעס שטאמט. דיווארצלען ציען זיך ביז דער קריסטליכער ביבל, וואס איז פול מיט שענדליכע בלבולים און לעסטערונגען אויף אידן. צום ביישפיל, אונזערע הייליגע חכמים

זכרונם לברכה, וועלכע האבן זיך אויסגעצייכנט מיט גוטסקייט און איידלקייט, ווערן דארט אנגערופן "גיפטיגע שלענג," און נאך ריי מיאוסע אויסדריקן און דערנידערונגען אין ריכטונג פון אונזערע הייליגע חכמי וזקני ישראל. די נידעריגסטע און געמיינסטע אומשאראלישע פארברעכער ווערן דארט געשטעלט אין בעפארצוג צו די הייליגע חז"ל און אונזערע צדיקים, בלויז דערפאר ווייל יענע זענען געווען נאכפאלגער פונעם אותו האיש ימ"ש.

צו ערגענצן דאס בילד פון "חרפת נבל", לאמיר נעמען אין באטראכט אז דער גרעסטער באשולדיגער, וועלכער האט געשטורעמט און פארפירט אז די אידן זענען מערדער, איז גאר געווען היטלער ימ"ש אליין.

## חרפת הנבלים בישראל

אבער פונקט ווי דאס אידיש פאלק האט אויסצושטיין "חרפת נבל" פון די אומות העולם, ליידן מיר אויך "חרפת נבל" פון דער אידישער זייט.

די ציונים, ארייגערעכנט די פרומע, פאסמאקעווען זיך מיטן באשולדיגן די רבנים און גדולי הדור פון דער תקופה בעפאר דער צווייטער מלחמה, אז זיי זענען גאר שולדיג אויפן גרויסן חורבן אין וועלכן די זעקס מיליאן אדער מער קדושים זענען אומגעקומען, וויבאלד די רבנים האבן נישטווארעם געשטיצט דאס ארויפגיין קיין ארץ ישראל און זיך באזעצן אין די ציוניסטישע ישובים. אבער עס איז זייער קלאר פאר יעדן, אז די גדולי ישראל האבן דווקא יא געשטיצט די ערליכע אידן אין ארץ ישראל במשך אלע תקופות, און די ציונים זענען גאר געווען די וועלכע האבן זיכער געמאכט אז אייראפעישע אידן זאלן נישט באקומען קיין וויזע סערטיפיקאטן צו זיך קענען ראטעווען קיין ארץ ישראל.

אין פאקט, זענען דאך די גדולי ישראל די אמת'ע דערבארעמדיגע פאסטוכער פונעם אידישן פאלק. דאקעגן די ציונים און אידישע

נאציאנאליסטן, **זענען געווען שותפים מיט די רשעות׳דיגע פעלקער אין דער רציחה פון אזויפיל מיליאנען אידן!**

די ציוניסטישע קערפערשאפט איז זייער מאכטפול און דערפאר איז נישטא צו באקומען דעם בוך ״פּוּרפִּידִי״ (כַּחַש), אפילו אין געשעפטן וואס פארמאגן זעלטענע ביכער.

״פּוּרפִּידִי״, וואס איז קוים א תמצית פון וואס דער שרייבער האט באמת געוואוסט, שילדערט וויאזוי די ציוניסטישע פירער האבן געזארגט אז דער גרעסערער טייל פונעם אייראפעישן אידנטום זאל גע׳רצח׳נט ווערן, כאטש עס זענען געווען זייער רעאליסטישע געלעגנהייטן זיי צו ראטעווען.

דער אמת איז, אז אלע אידן וואס זענען געראטעוועט געווארן פון די נאצישע בלוטיגע נעגל, איז נאר צו פארדאנקען דאס אומגעהויערע מסירות נפש׳דיגע השתדלות פון די גדולי התורה און זייערע שלוחים, ווי צום ביישפיל דער ״וועד הצלה״, וועלכע האבן מיט די גרעסטע אנשטרענגונגען אליין אויפגעטריבן די פאנדן וואס האבן זיך דערצו אויסגעפעלט.

די עטליכע אויסנאמען ווען די ציונים האבן זיך אנגעשטרענגט צו ראטעווען, זענען ווי פארשטענדליך געווען די ציוניסטישע אקטיוויסטן און פארטיי מיטגלידער, ווען די ציוניסטישע פארטיי האט געהאט אן אינטערעס צו ראטעווען. די איינציגסטע זאך וואס די ציונים האבן געטאן אויסער ראטעווען זייערע אייגענע מענטשן, איז געווען: דאס בפועל שטערן און אונטערהאקן די רעטונגס פלענער און פעולות פון די גדולי ישראל, ווי עס ווערט דאקומענטירט אינעם בוך ״פּוּרפִּידִי״. דאס איז די סיבה פארוואס זיי האבן יעדן אינטערעס אז דער בוך זאל נישט זיין צום באקומען.

(**הערת המתרגם:** אין די צייטן פונעם מחבר איז דער בוך געווען בבל יראה ובבל ימצא. היינט צו טאגס איז עס שוין איבערגעדרוקט און פארשפרייט געווארן אינאיינעם מיט פיל ענליכע ביכער וועלכע דעקן אויף די שענדליכע ראלע פון די ציונים בשעת די צווייטע וועלט

מלחמה אינעם אנרייצן די נאציס איידער די מלחמה, און שפעטער מיטן זיי העלפן אויספירן זייערע פלענער, שטערן די רעטונגס אקטיוויטעטן, נישט לאזן אידן זיך ראטעווען קיין ארץ ישראל אא״וו.)

דאס איז א קלאסישע ביישפיל פון ״חרפת נבל״. די וועלכע האבן אקטיוו צוריקגעהאלטן די רעטונג פון מיליאנען אידן און צוגעברענגט זייער מארד, באשולדיגן די גדולי ישראל, וועלכע האבן געבלוטיגט און פרובירט מיט מסירות נפש ארויסצוראטעווען וויפיל ס׳איז שייך געווען, אז זיי זענען גאר די וועלכע האבן ״נישט גענוג געטאן״ צו ראטעווען כלל ישראל.

* * *

## כחוט השערה – יהוא הנביא ואחאב

לאמיר יעצט זען וויאזוי דער ענין פון ״חרפת נבל״ קען זיין שייך ביי ערליכע און זאגאר גרויסע מענטשן. דאס קען זיין נוגע סיי אויף א פערזענליכן און מאראלישן אופן און סיי אויף אן אידעאלאגישן השקפה׳דיגן אופן.

כדי צו פארשטיין דעם ערשטן אופן, לאמיר אויפמישן א בלעטל אין היסטאריע פון כלל ישראל.

ווי באקאנט, ווערט אין מלכים-א געברענגט ווי כלל ישראל איז צעטיילט געווארן צווישן שבט יהודה און בנימין, און די אנדערע צען שבטים. די שבטים פון יהודה און בנימין, זענען געגאנגען אונטער דער פירערשאפט פון רחבעם בן שלמה לבית דוד. די אנדערע צען שבטים האבן זיך צוזאמגענומען אונטער ירבעם בן נבט.

אחאב, איז געווען א טראן נאכפאלגער פון ירבעם בן נבט. ער האט געקעניגט אויף די ״עשרת השבטים״ עטליכע מלכים נאך ירבעם בן נבט, און אונטער דעם איינפלוס פון זיין ווייב איזבל – א טאכטער פונעם קעניג פון צידון – האט ער פארפירט כלל ישראל צו דינען די עבודה זרה ״בעל״.

השי״ת האט דאן געשיקט אליהו הנביא מיט א נבואה, צו באאויפטראגן דעם צדיק יהוא (סנהדרין קב, א) מיט דעם שליחות פון אומברענגען דעם פארפירערישן הויז געזינד פון אחאב. ״וַיַּשְׁמֵד יֵהוּא אֶת הַבַּעַל מִיִּשְׂרָאֵל״ יהוא האט אויסגעראטן די עבודה זרה ״בעל״ פון צווישן די אידן, און האט אומגעברענגט אחאב׳ס גאנצע הויז געזינד (מלכים-ב י, י-כח).

דאן האט השי״ת געזאגט אין א נבואה צו יהוא הנביא: ״יַעַן אֲשֶׁר הֱטִיבֹתָ לַעֲשׂוֹת הַיָּשָׁר בְּעֵינַי כְּכֹל אֲשֶׁר בִּלְבָבִי עָשִׂיתָ לְבֵית אַחְאָב בְּנֵי רְבִעִים יֵשְׁבוּ לְךָ עַל כִּסֵּא יִשְׂרָאֵל – וויבאלד דו האסט געטאן וואס איז ריכטיג, און דו האסט געטאן מיט אחאב׳ס הויז געזינד אזוי ווי עס איז געווען אין מיין הארץ צו טאן מיט זיי, וועלן דיינע זין זיצן פיר דורות אויפן טראן פון דער אידישער מלוכה (שם, ל).״

אבער אין הושע (א, ד) טרעפן מיר אז השי״ת זאגט, ״**וּפָקַדְתִּי אֶת דְּמֵי יִזְרְעֶאל עַל בֵּית יֵהוּא** – איך וועל נקמה נעמען פארן בלוט פון יזרעאל (אחאב׳ס הויז געזינד) פון דעם הויז געזינד פון יהוא.״ שטעלט זיך די פראגע, וועלכע זינד איז יהוא באגאנגען מיטן אויס׳הרג׳נען דאס הויז געזינד פון אחאב אז עס זאל זיך אים קומען דערפאר א שטראף, ער האט דאך בסך הכל אויסגעפירט דעם ציווי השם?

דער ענטפער איז, ווען יהוא האט אומגעברענגט די פאמיליע פון אחאב כדי צו אויסראטן די עבודה זרה ״בעל״ פון כלל ישראל, האט ער נישט צעשטערט די צוויי גאלדענע קעלבער וואס ירבעם בן נבט, אחאב׳ס פארגייער, האט אויפגעשטעלט אין בית א-ל און דן (מלכים-ב י, לא). די צוויי גאלדענע קעלבער זענען אייגנטליך נישט געווען קיין עבודה זרה ממש, נאר זיי זענען געמאכט געווארן אין ערע פונעם באשעפער וואס האט ארויסגעצויגן די אידן פון מצרים (מלכים-א יב, כח עי׳ שם במפרשים. זע אויך: שמות לב, ד במפרשים).

יעצט, כאטש יהוא האט אומגעברענגט דאס הויז געזינד פון אחאב מיט אן אמת׳ן קנאת ה׳, כדי אויסצוראטן די עבודה זרה ״בעל״ פון צווישן אידן, דאך וויבאלד ער האט איבערגעלאזט די צוויי קעלבער פון ירבעם בן נבט, וועלכע ענדלען נאר צו אן עבודה זרה, איז

עס פאררעכנט געווארן כאילו זיין כוונה איז נישט בלויז געווען צו פארניכטן דעם ״בעל״, נאר כאילו ער זאל עס האבן געטאן צוליב אייגענע מאטיוון; נעמליך, צו קומען צו דער מאכט אנשטאט אחאב, אדער סתם צוליב רציחה. הגם דאס איז ווייט פונעם גאנצן אמת, אבער בדיני שמים ווערט אפילו א קליינער פגם פאררעכנט אלס הארבער אקט.

רבינו יונה (שערי תשובה ג, ריט) לערנט פון דעם ארויס א וויכטיגן מוסר השכל. אויב ראובן מוסר׳ט און באשולדיגט שמעון, בשעת ווען ראובן אליין טוט אויך עפעס וואס ענדלט נאר אין די מעשים פון שמעון, דאן נעמט מען אפיר ראובנ׳ס מעשים און מען איז אים דן אויבן אין הימל, און אויב וועט ראובן געפינען ווערן שולדיג אין דער זאך וואס ער האט גע׳מוסר׳ט א צווייטן, וועט ער גע׳משפט ווערן פארן פארשעמען א איד אומזינסט.

ווען יהוא האט אומגעברענגט אחאב׳ס הויז געזינד לויטן באפעל פון אויבערשטן, איז ער געווען גענצליך ריין פון יעדן שולד. אבער וויבאלד נאכן מקיים זיין דעם ציווי השם הונדערט פראצענטיג, האט ער פארנאכלעסיגט דאס פארניכטן די גאלדענע קעלבער, איז ער נידון געווארן למפרע אויף דעם וואס ער האט פארגאסן דאס בלוט פון אחאב׳ס הויז געזינד.

זעען מיר פון דא, אז נישט נאר וועט ראובן באשטראפט ווערן פארן מוסר׳ן שמעון ווען ער אליין איז נישט ריין פון דער זעלבער עוולה, נאר אפילו אויב בשעת ראובן האט גע׳מוסר׳ט שמעון איז ראובן געווען אינגאנצן ריין, און ערשט נאכדעם באגייט ער אן ענליכע עבירה, וועט מען אין הימל אויפסנייי אפירזוכן זיינע מעשים און אים דן זיין למפרע, הגם וואס בשעת׳ן מוסר׳ן יענעם איז ער געווען אינגאנצן ריין פון דער עבירה.

## פאלשע קנאות...

מיט דעם כלל קענען מיר בעסער פארשטיין א באשולדיגונג אויף עשו וועלכע איז לכאורה אומפארשטענדליך. די גמרא (בבא בתרא טז, ב)

זאגט, אז ביים פארקויפן די בכורה פאר יעקב איז עשו באגאנגען פינף עבירות. איינע פון די חטאים וואס ווערן דארט אויסגערעכנט איז מארד, וואס איז זייער א הארבע באשולדיגונג, איבערהויפט קעגן א זון פון יצחק אבינו.

ווען מען קוקט אריין אביסל טיפער אין דעם פארוואורף, ווערט עס נאך מער אומפארשטענדליך, ווייל מיר זעען אז יענער מארד איז אינגאנצן נישט געווען קיין עוולה. וועמען האט דען עשו ערמארדעט? נמרוד! נמרוד איז געווען דער וואס האט פרובירט צו הרג'ענען עשו'ס זיידן אברהם (בראשית רבה סה, יב). ער איז אויך געווען דער וואס האט פארפירט די וועלט קעגן השי"ת, ווי עס ווערט געברענגט אין מסכת עירובין (עירובין נג, א), "שהמריד את כל העולם עליו במלכותו." פארוואס, אויב אזוי, זאל עשו באשולדיגט ווערן אין רציחה פאר'ן אומברענגען נמרוד? אנשטאט אים בא'ערן און פארהערליכן, ווי עס פאסט פאר א העלד וואס האט אומגעברענגט אזא ארכי-קרימינאל ווי נמרוד, ווערט עשו גאר פארדאמט און באשולדיגט?

דער הסבר איז, אז עשו איז נישט גע'משפ'ט געווארן צוליב דער איינער מעשה רציחה. השי"ת האט אים גע'משפ'ט לויט די אנדערע מעשים זיינע, וואס ציינן אז ביים הרג'ענען נמרוד'ן איז עשו בכלל נישט געטריבן געווארן פון ריינעם קנאות לשם שמים. עשו האט געהאט א פערזענליכע הנאה ביים דורכפירן די "מצוה" פון מארדן נמרוד.

אויב עמיצער וועט אין אונזערע צייטן אומברענגען אן אייכמאן ימ"ש, וואלט זיך קיינער נישט צוריקגעהאלטן פון יענעם געבן אנערקענונג, אפילו אויב ער וואלט דערפון געהאט א פערזענליכע הנאה. פאר א זון פון יצחק און רבקה ווערט עס אבער פאררעכנט ווי אן אקט פון רציחה.

דאס איז דער כלל: הקב"ה איז דן יעדן מענטש אויף מעשים וואס ער באגייט קעגן אנדערע, אויב ער אליין איז נישט ריין פון אן ענליכן פעלער. און נישט נאר אויף מעשים, נאר אפילו אויף א פארוואורף וואס ער מאכט קעגן אנדערע, ווען ער אליין איז נישט ריין דערפון.

## טול קורה מבין עיניך...

ביי די אומות העולם אבער, איז דאס גאר אן אנגענומענער מהלך. יעדער באשולדיגער איז שולדיג אינעם זעלבן פעלער וואס ער ווארפט יענעם פאר, און נאך מיט א שמיץ אריבער. ווי עס ווערט געברענגט אין מסכת קידושין (קידושין ע, ב), "כל הפוסל, במומו פוסל... "

פאלגנד זענען עטליכע ביישפילן.

- די באלשעוויקן האבן רעוואלטירט און אומגעווארפן דעם רוסישן צאר, מיט דער טענה אז ער איז א טיראן. למעשה האבן זיי זיך ארויסגעשטעלט צו זיין פיל ערגערע טיראנען ווי דעם צאר.
- דער מאכמאדאנישער כלומר'שטער "נביא" מאכאמאד האט באשולדיגט די אידן אין פעלשן דעם תנ"ך. אינעם קאראן שרייבט ער קעגן די תורה, "ווער איז דען מער נידערטרעכטיג פון איינעם וואס קומט זאגן, 'דאס און דאס איז מיר אנטפלעקט געווארן אין א נבואה,' ווען עס איז אים אינ'אמת'ן גארנישט אנטפלעקט געווארן..." די ווערטער זענען געשריבן געווארן דורך א מענטש וואס האט דערקלערט אז דער גאנצער קאראן איז אים אנטפלעקט געווארן דורך א נבואה, אינאיינעם מיט די אפענע אומוויסנדע טעותים מיט וועלכע דער קאראן איז אנגעפאקט, וועלכע שטעלן אים ארויס אלס איינעם פון די פרעכסטע ליגנער אין דער היסטאריע.
- די נאציס ימ"ש האבן פיל אויפגעשפילט דעם פרעכן בלוט בלבול אז אידן לאזן קריסטן אויסבלוטיגן צום טויט, כדי צו נוצן זייער בלוט פאר די מצות. דאס האבן זיי געטאן אין דער זעלבער צייט וואס זיי האבן בארבאריש געלאזט טויזנטער אידן אויסבלוטיגן צום טויט, מיטן נידערטרעכטיגן אויסרייד אז זיי דארפן דאס בלוט פאר די פארוואונדעטע סאלדאטן. און דאס איז אויסער די מיליאנען אידן וואס זיי האבן אומגעברענגט דורך שיסן און פארגאזן און אלע סארטן מיתות משונות הי"ד.
- די אקאדעמיקער באשולדיגן יעדן מיט פאראורטייל און איינזייטיגקייט, און שפעטן אפ פון יעדן וואס וויל נישט אננעמען זייערע הוילע טעאריעס, אין דער צייט וואס זיי האלטן זיך בלינדערהייט צו זייערע כפירה'דיגע שיטות און פארמאגן נישט קיין איבערצייגנדע וויסנשאפטליכע באווייזן דערצו.

- די רוסישע צייטונג "פראוודא" ("דער אמת"), דרוקט מער ליגנט ווי סיי וועלכע אנדערע צייטשריפט אין דער וועלט, אבער אין דער זעלבער צייט באשולדיגט דער "פראוודא" כסדר די אלגעמיינע וועלטס פרעסע אין פאלשקייט...
- די זעלבע ליבעראלן וועלכע פרעדיגן איבער דער שוידערליכקייט פון שטראפן מיט טויט אורטייל אונטער דער לאזונג "א מענטשליך לעבן איז הייליג," שטיצן גלייכצייטיג די רציחה פון מיליאנען קינדער דורך הפלת עוברין.
- די ציוניסטן טאדלען אידן איבער דער וועלט, הלמאי זיי קומען זיך נישט באזעצן אין מדינת ישראל צו פארגרעסערן די באפעלקערונג און אזוי ארום פארשטארקן די אזויגערופענע "אידישע מדינה" וועלכע פלאגט זיך מיט א וואקסנדער אראבישער באפעלקערונג. אבער זיי אליין שטיצן און פירן דורך הפלת עוברין אויף אזא מאסנאמליכן פארנעם, אז צווישן די יארן פון תש"ח און תשל"ג אליין האבן זיי ליידער עספיעט צו רצח'ען איבער א מיליאן אידישע קינדער, רח"ל.
- דער אזויגערופענער "אמעריקאנער אידישער קאנגרעס" קריטיקירט כסדר דער פארלאנג פון ישיבות פאר רעגירונגס הילף, מיט דער טענה אז עס איז "אומקאנסטיטוציאנאל", ד"מ, עס איז קעגן דער אמעריקאנער קאנסטיטוציע. אבער די זעלבע געטרייע פאטריאטן שטיצן מיט אייפער "עפורמעטיוו עקשאן", דאס מיינט, צו געבן ארבעטס געלעגנהייטן און אנדערע מעגליכקייטן פאר שווארצע אין בעפארצוג צו ווייסע. דאס איז א שענדליכע פארלעצונג פונעם קאסטיטוציאנאלן געזעץ, וואס דיקטירט גלייכבארעכטיגונג און איניגע רעכטן פאר אלעמען.
- דאס זעלבע זעען מיר ביי לבן, וועלכער האט נאכאנאנד אויסגעפאפט און באשווינדלט יעקב (בראשית לא, מא), און שפעטער האט ער ביטערליך באשולדיגט יעקב'ן אין פאפעריי (שם לא, כו-ל).

דאס איז געווען די כוונה פון יוסף הצדיק ווען ער האט מתפלל געווען, "חרפת נבל אל תשימני – לאז מיך נישט אויסשטיין שאנדע פון א געמיינעם מענטש."

## הוכחה – כיצד?!

מיר דארפן דעריבער זיין זייער פארזיכטיג ווען מיר מוסר'ן איינעם. עס איז געוויס אמת אז מען מוז מוחה זיין קעגן סיי וועלכער עוולה — **"הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ"** (ויקרא יט, יז). אבער דערביי מוזן מיר זיין זייער פארזיכטיג אינעם צוקונפט נישט צו טאן עפעס וואס ענדלט אפילו נאר אין דער עוולה אויף וואס מיר האבן יענעם גע'מוסר'ט, ווייל אין דעם פאל וועט אונזער בארעכטיגטע מחאה באטראכט ווערן למפרע, אלס אקט פון פארשעמען יענעם בלויז מיטן ציל אים צו דערנידערן.

ווען אימער איינער וויל מוסר'ן דעם צווייטן, זאל ער זיך קודם גוט איבערטראכטן צי ער איז נישט אליין שולדיג אויף דער זעלבער עוולה. **"כל הפוסל במומו פוסל"** — דער וואס האט עמיצן דערנידערט, און יענעם אנגערופן "קנעכט", איז שפעטער געפינען געווארן אליין צו שטאמען פון קנעכט (קידושין ע, ב). געוויס זאל מען רעדן און שרייבן ווען עס פעלט אויס קעגן סיי וועלכער עוולה, אבער דער וואס איז מוחה, דארף גלייכצייטיג זיין פארזיכטיג מיט זיין אייגענער אויפפירונג, ווייל השי"ת זאגט **"וּפָקַדְתִּי אֶת דְּמֵי יִזְרְעֶאל עַל בֵּית יֵהוּא"** (הושע א, ד).

* * *

## הרימו ראש!

ביז אהער האבן מיר ערקלערט דעם פערזענליכן אספעקט פון "חרפת נבל". לאמיר יעצט באטראכטן דעם אידעאלאגישן אספעקט פון "חרפת נבל".

ווען די אומות העולם באשולדיגן דעם עם ישראל, איז וויכטיג אז דער "ישראל" (דערביי מיינען מיר דעם אמת'ן איד, נישט דאס לאנד וואס טראגט פאלשערהייט דעם נאמען) זאל האלטן ביי זיך אין געדאנק דאס פאלגנדע: **"די אלע בלבולים און הוצאת שם רע, די אלע פארלוימדונגען, באשמוצונגען און ליגנט וואס ווערן געזאגט קעגן אונז,**

**זענען בלויז אן אפשפיגלונג פון דעם וואס אונזערע באשמוצער אליין זענען!"**

דעם כלל איז אויסטערליש וויכטיג צו וויסן! ווייל דער רעזולטאט פון זיין אומאויפהערליך אויסגעשטעלט צו אזויפיל שאנדע איז, אז דער באשולדיגטער ווערט אזוי אפגעשוואכט ביי זיך, אז ער אליין הייבט אן גלייבן אין די ווערטער פון זיינע שענדער.

## פארוואס שעמט זיך דער פרייער איד מיט זיין אידישער אידענטיטעט?

לאמיר אנאליזירן אן אמת'ע סצענע וואס האט זיך אפגעשפילט אויף א שטאטישן באס. א אידיש מיידל איז געזיצן אויפן באס מיט איר מאמע, און ארויפצו אינעם באס איז געזיצן אן איטאליעניש מיידל מיט איר מאמע.

די אידישע מאמע האט פרובירט רעדן מיט איר טאכטער אויף אידיש, אבער דאס מיידל האט שטיל געמאכט איר מאמע און ארומגעקוקט צו זען אויב עמיצער האט אויפגעפאסט אז איר מאמע האט גערעדט אידיש. די מאמע איז געווען צוזאמגענומען, לייטיש אנגעטאן, און האט געמאכט אן אנשטענדיגן איינדרוק.

לעומת זאת, פארנט פונעם באס איז געזיצן די אלטע איטאליענישע פרוי מיט א נאכגעלאזענעם אויסקוק. און האט געפלוידערט אויף איטאליעניש מיט הילכיגע טענער. אבער איר טאכטער איז געזיצן און אויסגעהערט מיט רעספעקט.

וואס איז פשט? איז איטאליעניש טאקע מער א מכובד'יגע שפראך ווי אידיש?

דער ענטפער איז, אז מיט דער צייט ווערן די באשולדיגטע אזוי אראפגעקלאפט ביי זיך, אז מען ווערט פשוט אליין "איבערגעצייגט" אין דער אייגענער מינדערווערטיגקייט.

די אלע ליגנטס קעגן אונז האבן געהאט א ווירקזאמען עפעקט אויף אסימילירטע אידן, און דעריבער שעמען זיי זיך מיט זייער אידישקייט און פאלק.

דער זעלבער פענאמען האט זיך אפגעשפילט מיט די משומדים פון אלע דורות, אנגעהויבן פון די העלעניסטן, נאכגעפאלגט דורך פאול ימ״ש, אראפ ביז די היינטיגע אסימילירטע, וועמענס ביכער דערנידערן זייער אייגן פאלק און שטעלן זיי אין דער ערגסטער ליכט; אידן זענען געווארן די ערגסטע באשמוצער פונעם אידישן פאלק.

## מְאֹד – זוֹ יֵצֶר הָרָע

אבער דאס זענען זאכן וועלכע קוקן אויס זעלבספארשטענדליך. יעצט וועלן מיר זען אז די זאכן זענען נישט אזוי פשוט ווי עס קוקט אויס.

אונזער וועלט איז א רוחניות׳דיגע וועלט. טראץ וויפיל מיר ווייסן אז די וועלט איז אויסגעשטעלט צו די חוקי הטבע, איז אבער די וועלט באמת נאך מער אונטערגעווארפן צו חוץ לדרך הטבע׳דיגע חוקים.

איינער פון די חוקים, פון וועלכן רוב מענטשן זענען נישט באוואוסטזיניג, און אפילו די וואס לערנען, טוען עס נישט ריכטיג אנערקענען, איז ווי פאלגנד: עס איז פאראהאן אין דער נאטור א גרויסער כח וואס דרינגט דורך אלע ענינים פון דער מענטשהייט און קאנטראלירט אלעס וואס פאסירט אין היסטאריע. דאס איז גאר א ווירקליכער כח, נישט קיין דמיון און נישט קיין משל. אין דער תורה ווערט דער כח אנגערופן מיטן נאמען, ״יצר הרע״.

(דער יצר טוב איז נישט דער קעגנזייטיגער צד פונעם יצר הרע. דער יצר הרע איז א כח פאר זיך; ווידעראום דער יצר טוב — וועלכער ווערט אין תנ״ך אדער חז״ל קיינמאל נישט געשילדערט אלס פערזאן — איז דער אינערליכער פארשטאנד וואס דער בורא האט ארייגעגעבן אינעם מענטש ווען ער האט ארייגעבלאזן אין אים דעם ״נשמת חיים״, ווי די תורה זאגט (בראשית ב, ז), **״וַיִּפַּח בְּאַפָּיו נִשְׁמַת חַיִּים״**. דאס

איז די נשמה, וואס גיט דעם מענטש חיים נצחיים. אלע מענטשן באזיצן די אינטואיציע וואס טוט פונאדערשיידן צווישן גוט און שלעכט, און דאס רופן מיר אן "יצר טוב".)

דעם יצר הרע קען מען ענדערש באצייכענען ווי א מלאך, וועמען דער באשעפער האט אראפגעשיקט אויף דער וועלט מיטן ציל צו פרואוון מענטשן מיט נסיונות. אבער מער פון אלעם שטעלט דער מלאך פאר נסיונות פאר אידן, אזויווי חז"ל זאגן (סוכה נב, א), "שמניח אומות העולם ומתגרה בשונאיהם של ישראל." דאס איז ספעציעל געמאכט געווארן כדי צו מאכן שווערער פאר אידן צו ערגרייכן גרויסקייט. דאקעגן אויב זיי טועןביישטיין די נסיונות, האבן זיי ריכטיג ערפילט דעם תפקיד אין לעבן. קומט אויס, אז דער יצר הרע מאכט אז דאס לעבן זאל זיך לוינען. דאס איז די סיבה פארוואס ווען די תורה זאגט אויף דער בריאה **"טוֹב מְאֹד"** (בראשית א, לא), דרש'נען די חכמים ז"ל דערויף, **"מאוד" זו יצר הרע** (בראשית רבה ט, ט).

לאמיר זיך באקענען מיט איינעם פון די וועגן וויאזוי דער כח פונעם יצר הרע ארבעט.

## הַהֵימִיר גּוֹי אֱלֹקִים?

ירמיהו הנביא (ירמי' ב, י-יא) טענה'עט די פאלגנדע באשולדיגונג אויף אידן: "כִּי עִבְרוּ אִיֵּי כִתִּיִּים וּרְאוּ, וְקֵדָר שִׁלְחוּ וְהִתְבּוֹנְנוּ מְאֹד, וּרְאוּ הֵן הָיְתָה כָּזֹאת: הַהֵימִיר גּוֹי אֱלֹקִים וְהֵמָּה לֹא אֱלֹקִים וגו'."

די גמרא (תענית ה, ב) ערקלערט די פסוקים ווי פאלגנד.

דאס כותי'שע פאלק, וואס האט געוואוינט אויף אינזלען צווישן וואסער, האט באטראכט דאס וואסער אלס א נויטווענדיגקייט צום לעבן און דעריבער האבן זיי געדינט צום וואסער. זיי פלעגן אנפילן א טאפ מיט וואסער און זיך בוקן דערצו מיט יראת הכבוד. זיי האבן איבערגעגעבן די געטריישאפט צו זייער אפגאט פון דור צו דור במשך לאנגע דורות.

עס איז געווען נאך א פאלק, די קֶדָר׳ישע, וואס האט געדינט צום פייער. דאס דאזיגע פאלק האט געערט דעם פייער-אפגאט מיט גרויס איבערגעבנקייט.

לאמיר זיך פארשטעלן וואס עס פאסירט ווען מחנות פון דיביידע פעלקער קומען זיך צוזאם אויף איין ארט. די כּוּתִיִים שטעלן אויף זייער מחנה, פילן אן א טאפ מיט וואסער און הייבן אן דינען דערצו. די קֶדָרִיִים שטעלן אויך אויף זייער מחנה עטוואס אהינצו, מאכן באלד א פייער און הייבן אן זיך בוקן דערצו. יעדע מחנה קוקט זיך אום אויפן אפגאט פונעם צווייטן און טראכט צו זיך, ׳ווי נאריש און זינלאז איז צו דינען אזא זאך !׳...

יעצט, ווען די כּוּתִיִים האבן געוואלט אפטאן א שפיצל פאר די קֶדָרִיִים, האבן זיי געווארפן אן אמפער וואסער אויף דעם פייער פון די קֶדָרִיִים, און דאס פייער האט זיך אויסגעלאשן. צי זענען די קֶדָרִיִים געווארן אנטמוטיגט? זענען זיי אריבער געגאנגען צו דעם גלויבן פון די כּוּתִיִים? ניין!

איי, דאס איז דאך א היבשער באווייז; אויב זייער אפגאט קען ווערן פארלאשן פון אן אמפער וואסער, וואלט עס געדארפט זיין א גרויסע אנטמוטיגונג פאר די קֶדָרִיִים. אבער דאך האבן זיי נישט געקווענקלט און פארגעזעצט מיט זייער געטריישאפט צו זייער אפגאט.

דאס זעלבע האבן די קֶדָרִיִים געטאן ווען זיי האבן געזען די כּוּתִיִים דינען א טאפ וואסער. זיי האבן געמאכט א פייער אונטערן טאפ, און דער אפגאט פון די כּוּתִיִים האט אנגעהויבן בלעזלען און שפרינגען, ביז עס האט אויסגעקאכט און ס׳איז גארנישט געבליבן דערפון. זענען דען די כּוּתִיִים אנטוישט געווארן? האבן זיי אנגעהויבן נאכפאלגן דעם אפגאט פון די קֶדָרִיִים? ניין!

ענליכס ווערט דערציילט אויף די שפאנישע אינקוויזיטארן, וועלכע האבן פרובירט איבערצוצייגן די אינדיאנישע שבטים אנצונעמען דעם קריסטליכן גלויבן. די אינקוויזיטארן האבן

געשילדערט פאר די אינדיאנער זייער געשיכטע, און די אינדיאנער האבן זיך צוגעהערט מיט אינטערעס.

ווען זיי זענען אנגעקומען צו דעם טייל פון דער געשיכטע וויאזוי מען האט אומגעברענגט זייער אפגאט, האבן די אינדיאנער געשמייכלט און געפרעגט מיט אויפריכטיגן וואונדער, "צי מיינט דאס אז אייער גאט איז טאקע געשטארבן...?"

פאר די אידיאנישע שבטים האט אזא רעליגיע זיך געהערט לעכערליך, אבער פאר די אינקוויזיטארן האט עס בכלל נישט געארט. דאס איז געווען זייער אפגאט און טראדיציע און זיי האבן זיך געהאלטן דערצו.

דעריבער טענה'ט ירמיהו הנביא, "קוקט אויף די אלע פעלקער וואס האבן אזעלכע נארישע רעליגיעס און דאך האלטן זיי זיך דערצו מיט א שטאנדהאפטיגער געטריישאפט."

אינעם קאראן, ווען דער מאכמאדאנישער כלומר'שטער "נביא" דערציילט איבער דער תקופה פון קנעכטשאפט וואס דאס אידיש פאלק איז דורך אין מצרים, דערמאנט ער וויאזוי פרעה האט גערופן צו זיך זיין יועץ זיך צו באראטן מיט אים. ווער איז געווען דער יועץ? המן! מיר קענען דערפון ארויסלערנען וואספארא היסטאריקער די שרייבער פונעם קאראן זענען. דאס איז נישט בלויז א טעות סופר, ווייל דער טעות ווערט מערערע מאל איבערגע'חזר'ט אינעם קאראן.

האבן מיר דא א בוך אנגעפילט מיט אפענע טעותים, אבער די מאכמאדאנער נעמען זיך נישט צום הארצן דערפון. דער קאראן בלייבט דער שטאלץ פון זייער רעליגיע, און זיי האבן טויזנט תירוצים צו פארענטפערן אלע סתירות. זיי טענה'ען, אז מיר אידן האבן גאר געפעלשט די מגילה און אריבערגעשטעלט המנ'ען צו דער תקופה פון אסתר'ן, בלויז פאר'ן צוועק פון שענדן דעם קאראן... דער רמב"ם ווארפט שוין אפ די לעכערליכע טענה, אנווייזנדיג אז מיר האבן שוין דעם מגילת אסתר אין באזיץ טויזנט יאר בעפאר מאכאמאד איז אפירגעקומען.

די קריסטן הענגען אן זייער גאנצע האפענונג און גלויבן אויף שריפטן וואס האבן געפעלשט און פארדרייט דעם תנ״ך, ווי יעדער אומאפהענגיקער מענטש קען זען. אבער זיי האלטן זיך ווייטער צו זייער גלויבן אן קיין שום פראבלעם.

דאס איז ירמיהו הנביא׳ס טענה. די פעלקער שעמען זיך נישט מיט זייערע אפגעטער. **הַהֵימִיר גּוֹי אֱלֹקִים** – צי האט א פאלק אמאל געטוישט זייער אפגאט, כאטש זייערע אפגעטער זענען גארנישט ווערט? **וְעַמִּי הֵמִיר כְּבוֹדוֹ בְּלוֹא יוֹעִיל** – אבער מיין פאלק האט אויפגעטוישט זיין כבוד צו עפעס וואס איז ווערטלאז!

פארוואס זענען דא אידישע קינדער וואס ווערן בודהיסטן? צו וואספארא ווערטלאזן מיסט האבן זיי אויפגעטוישט דעם אוצר פון דער תורה?

דאס איז גאר א הארבע באשולדיגונג וואס ירמיהו הנביא טענה׳ט אויף אידישע קינדער, און עס קוקט אויס אוממעגליך צו פארענטפערן.

פריער האבן מיר ערקלערט אז דאס איז די תוצאה פון דעם וואס די אומות העולם באשולדיגן אונז. עס דרינגט אריין צווישן אונז, און די שוואכערע אידן ווערן באאיינפלוסט און הייבן אן טראכטן אז אידן און אידישקייט זענען טאקע נישט גוט. ווייל אזויפיל גוים זאגן עס דאך, און זיי זאגן עס שוין אזוי לאנג, און די שוואכערע אידן הייבן זיך אן שעמען מיט זייער אידישקייט אלס תוצאה. דאס אלעס איז געוויס אמת, אבער פארט נישט גענוג צו ערקלערן די ערשיינונג.

## דער פארבארגענער כח פונעם יצר הרע

וואס יא? אונטער דעם שטייט א גרויסער גייסטיגער כח! דאס איז דער כח פונעם יצר הרע, וועלכן מיר האבן פריער דערמאנט, וואס קען צוברענגען אזא לעכערליכע און אומלאגישע ערשיינונג אז אידן זאלן זיך שעמען מיט זייער אידישקייט, און אנהייבן קוקן מיט גלוסטעניש אויף די אטראקציעס פון דער קירכע און בודהיזם אא״וו. דאס אידיש מיידל האט זיך געשעמט מיט איר אנשטענדיגער מאמע אויפן

שטאטישן באס, נישט ווייל עס איז געווען די מינדעסטע סיבה דערצו, נאר ווייל דער גייסטיגער כח, דער יצר הרע, האט איר צוגעברענגט צו קוקן אויף אידישקייט מיט א בליק פון שאנדע און אומצוטרוי.

מען האט אמאל געפרעגט פון א בעל תשובה, וואס האט פריער געבלאנדזשעט צווישן די ווילד-פרעמדע און מאדנע אפגעטער פונעם ווייטן מזרח: "אויב דו האסט עפעס געזוכט, פארוואס ביזטו קודם געגאנגען זוכן ביי פרעמדע רעליגיעס?" זיין אנטווארט איז געווען, "איך בין געווען איבערצייגט אז אידישקייט מיינט גארנישט."

אין דעם איז ער געווען "איבערצייגט"...

אויב מען זוכט הויכע אידעאלן, אויב דאס הארץ ציט צו עפעס העכערס און ערהאבן, מוז מען גיין צו מאדנע אפגעטער. פארוואס זאל דאס זיין אזוי?

**מַיִם גְּנוּבִים יִמְתָּקוּ** (משלי ט, יז) גע'גנב'עטע וואסער איז זיס. וואסער האט נישט קיין קאליר, טעם אדער גערוך. אבער ווען עס איז פארבאטן, דאן טוט דער כח פון דער עוולה מאכן דאס וואסער פול מיט צויבער. און דאס איז דער כח פונעם יצר הרע, וואס שאפט די אילוזיע פון שיינקייט און רייץ אפילו אין די אומעטיגסטע און באטריבסטע ערשיינונגען, אזוי לאנג ווי עס קען דינען אלס א שטער צו שלימות.

דאס איז דער זעלבער כח פונעם יצר הרע, וואסווארפט אן אומ'חן און שפאט אויף ערליכע התנהגות אדער גרויסע מענטשן. נאר אדאנק דעם כח, קומען מענטשן צו אזא געפיל אז אמת'ע אידישקייט איז פארהאסט און פאר'מיאוס'ט. דאס איז דער זעלבער כח וואס שטעלט אהער די פאר'מיאוס'טע אידעאלאגיעס פון די אומות העולם אלס הערליך און רייצנד אין די אויגן פונעם אומוויסנדן המון.

## הוֹי שָׂמִים חֹשֶׁךְ לְאוֹר וְאוֹר לְחֹשֶׁךְ!

לאמיר יעצט אנאליזירן נאך אביישפיל פון חרפת נבל, וואו אנשטענדיגקייט און ערליכקייט ווערן געשילדערט אלס געמיין, און וויאזוי ווייס ווערט פארגעשטעלט אלס שווארץ.

מיר גייען אלע אריבער דער גאס ווען די רויטע לעקטער ווערט גרין. עס איז געוויס ראטזאם אלעמאל צו קוקן אויף ביידע ריכטונגען, ווייל א קאר קען זיך פונקט אריינדרייען פון א צווייטער גאס, אדער א ביציקל קען אונטערקומען פון דער פארקערטער ריכטונג. אבער רוב מענטשן גייען רואיג אריבער דער גאס, האבנדיג צוטרוי אינעם גרינעם לעקטער. מיר האבן צוטרוי אז די מאטאריסטן וועלן נישט ריזיקירן מיטן באקומען א טראפיק טיקעט. אפילו מיר זאלן זען א גרויסן לאסט אויטא קומען אין אונזער ריכטונג, זענען מיר זיכער אז ער וועט זיך אפשטעלן פארן רויטן לעקטער. די זיכערקייט און צוטרוי איז הויפטזעכליך צום פארדאנקען דעם סיסטעם פון טראפיק טיקעטס.

אבער אין ברוקלין קאלעדזש איז פארהאן א איד... (וואס זיינע האר דערגרייכן ביז איבער האלב פון זיין קערפער) וואס איז א לערער אויף פסיכאלאגיע. וועלנדיג געבן א ביישפיל וויאזוי מענטשנ׳ס געדאנקען ווערן פארמירט צו טראכטן, האט ער געזאגט ווי פאלגנד:

"וויאזוי לערנען מיר זיך אויס צו רעספעקטירן א רויטן לעקטער?

ווען א טיפש אין א בלויען אוניפארם גיט אונז א טיקעט!"

ווען א סטודענט האט תמימות׳דיג געפרעגט: "זאל דער פאליציאנט ענדערש גלעטן איבער דער פלייצע עמיצן וואס ברעכט דאס געזעץ?" האט דער לערער צוריקגעווארפן, "מען טאר נישט אויסלערנען דורך געבן שטראפן!"

דאס איז די טיפישע קאפויערדיגע וועלט פון די שולעס, וואו א פאליציאנט וואס פרובירט אנצוהאלטן כאטש אן אנשטעל פון ארדענונג ווערט אראפגעריסן, און די סטודענטן אפלאדירן נאך דערויף. מיט אזעלכע שפלים זענען די אוניווערסיטעטן אנגעפילט.

דער לערער איז נישט דווקא קיין משוגענער. אויב מען וויל קען מען באטראכטן די געשעעניש און טרעפן דערפאר כלומר׳שטע שכל׳דיגע נעמען. אבער דער ריכטיגער אמת איז, אז די אומ׳שכל׳דיגע פארקרימטקייט איז ביסודו דער יצר הרע. דאס איז דער כח פונעם יצר הרע, וועלכער פארדרייט דעם אמת און מאכט אלעמען זען דאס פארקערטע פונעם מציאות.

עס האט זיך אמאל געמאכט אז א רב האט געמוזט באזוכן אין א שפיטאל נאך די באזוך שטונדן. דער רב האט זיך געוואנדן נאך הילף צום גוי׳אישן טשאפלעין, פאר וועמען אלע טירן זענען געווען אפן. דער גוי׳אישער טשאפלעין איז געווען א יוגנטליכער, נישט מער ווי א דריטל פונעם רב׳ס עלטער, און וואלט זיך זיכער געקענט פיל אפלערנען פון דעם עלטערן רב. די צוויי האבן אינאיינעם דורכשפאצירט די לאנגע קארידארן פונעם שפיטאל. די דאקטוירים און נוירסעס האבן אויפגענומען דעם יונגן טשאפלעין מיט א קעניגליכער אויפנאמע, ארויסווייזנדיג זייער שעצונג דורכן זיך פארנויגן אדער באגריסן מיט די הענט, דאקעגן די אנוועזנהייט פונעם רב איז זיי קענטליך געווען אומאנגענעם...

און וויאזוי זאלן מיר ערקלערן אזעלכע געשעענישן ווי אידישע ערוואקסענע מענטשן וואס פאלגן נאך א פופצן יעריגן גורו (א גייסטליכער פירער אינעם הינדואיסטישן גלויבן)? און א סינאגאגע פאר תועבה׳ניקעס? דאס איז די זינלאזע פארדארבנקייט פונעם יצר הרע, וועלכער שטעלט אהער שווארץ אלס ווייס.

ווען אידן ווערן פארפירט און פארנארט דורך לינק-ליבעראלן, וויסנשאפטלער, מיסיאנערן, רעפארמער, קאסערוואטיוון, ציוניסטן, הינדואיסטישע גייסטליכע מיט תועבה׳ניקעס, אויף דעם האט יוסף הצדיק מתפלל געווען, **״חֶרְפַּת נָבָל אַל תְּשִׂימֵנִי!״**

### די פארדארבענע אקאדעמיקער און כפירה–דענקער

עס איז טאקע א חרפה און א שאנדע ווען אידן ווערן פארפירט דורך אטעאיסטישע ליבעראלן און כפירה טעאריקער (וואס רוב

אקאדעמיקער זענען), און ווערן נאך פארנארט דורך זייערע טענות אז זיי זענען גאר די וואס זוכן דעם אמת.

מען קען לייכט אויפווייזן אז זיי זענען די ווייניגסטע אינטערעסירט אינעם אמת.

פארוואס זאלן זיי ווען זוכן דעם אמת, בשעת זיי גלייבן נישט אז עס איז דא אזא מאראלישער פרינציפ ווי זוכן דעם אמת, אדער אז עס זענען בכלל פארהאן מאראלישע פרינציפן?

וואו אין דער גאנצער ליטעראטור פון די וויסנשאפטלער איז פארהאן כאטש איין איינציגע ערקלערונג איבער דער נושא פון גוט אדער שלעכט, ריכטיג און אומריכטיג? וויאזוי קענען זיי בכלל גלייבן אז פאלשקייט איז שלעכט, אדער אז עס איז דא בכלל עפעס וואס איז שלעכט? לשיטתם דארף זיך דען א מאלפע אדער א פרעשל צוריקהאלטן פון ליגנט זאגן...?

ווען אן אטעאיסט שרייט אז ער זוכט דעם אמת, און באשולדיגט דערביי אנדערע אין פאלשקייט, איז עס אן אמת'ער פאל פון **"חרפת נבל"**. ווייל פונקט פארקערט, בלויז צוליב דער אויסגעשפראכענער פאראכטונג וואס זיי האבן צום אמת, נעמען זיי אן די כפירה'דיגע שיטות וועלכע שטיצן זיך אונטער אויף גארנישט מיט גארנישט, און ווילן ענדערש טראכטן אז די וואונדערליכע חכמת ה' פון די נסים פון דער בריאה איז א בלויזער צופאל.

דאס זעלבע, קען מען זיך איבערצייגן די היפאקריטיע פון די סאציאליסטן און קאמוניסטן דורך זייערע אייגענע ווערטער.

די מארקסיסטן שטעלן זיך אהער כאילו זיי זארגן זיך פאר די באקריוודעטע, ווען אין דער זעלבער צייט לייקענען זיי אין השי"ת און האלטן זיך צו די כפירה'דיגע טעאריעס.

שטעלט זיך די פראגע; אויב גלייבט מען נישט אין קיין העכערע באגריפן, פארוואס זאל זיין אומריכטיג צו אונטערדריקן אנדערע? איז דען אומריכטיג פאר א פייגל צו פארצוקן אינזעקטן?

דעריבער, אויב עס קען נישט אינטערעסירן די פראגע איבער וואס איז ריכטיג און אומריכטיג, דאן בלייבט דאך נאר דער פרינציפ פון ווער עס האט די מאכט און אויבערהאנט. אויב אזוי, פונקט ווי די מארקסיסטן בארעכטיגן דאס איבערנעמען די מאכט דורך א רעוואלוציע פון די ארבעטער שיכט קעגן די קאפיטאליסטן, מוזן זיי פונקט אזוי בארעכטיגן די קאפיטאליסטן וועלכע טוען אנווענדן זייער מאכט איבער די ארבעטער.

אלזא, סיי וועלכער ווידערשטאנד קעגן "אומ׳יושר" אדער "אימפעריאליזם" איז ריין היפאקריטיע מצד די נאכפאלגער פון מארקס, און אלע זייערע באשולדיגונגען זענען בלויז נאך א ביישפיל פון "חרפת נבל".

אין דעם כלל פון "נבל" קענען מיר אריינרעכענען א גרויס חלק שריפט-שטעלער;

די "אנציקלאפעדיע בריטאניקא" אינעם 11׳טן פארלאגע אונטערן קעפל "שבת", ציטירט פונעם ביבל, אז דער שבת איז נישט באשטימט געווארן אלס רו טאג פאר דער פאראארעוועטער מענטשהייט, און נישט אלס א טאג פון עבודת ה׳, נאר ס׳איז בלויז א זאך וואס די חכמים האבן באשטימט אלס צוועקלאזער קאפריז.

עס איז געוועצליך איבעריג פאר סיי ווער ס׳איז באקאנט מיטן אידישן שבת צו אפענטפערן אזא בלינדע העסליכע פאראורטייל. עס וועט גענוג זיין ארויסצוהייבן די הייליגע מנוחה פונעם שבת אין אלע אידישע קהילות משך אלע דורות אין אלע עקן פון די וועלט, קעגן די געוואלדטאטן און הפקרות וואס איז אויסגעפירט געווארן אין זייער זונטאג׳דיגן רו טאג לענגאויס די גאנצע קריסטליכע אייראפע.

יעדן מאנטאג פלעגן די צייטונגען באריכטן די פילע שטעכערייען און טראגעדיעס וואס האבן זיך אפגעשפילט אום זונטאג, ווידעראום די אידן וואס האבן געוואוינט אין די זעלבע ערטער האבן געפראוועט דעם שבת מיט אן אומגעשטערטע שלוה. ווער אנערקענט דען נישט די געמיטליכע שמחה פון די אידישע ימים טובים, בשעת

ווען דער סעזאן פון די גוי'אישע חגאות ברענגט די העכסטע צאל אינצידענטן פון זעלבסטמארד, געוואלדטאטן, און שיכרות.

אלזא, דער מוסר השכל וואס מיר לערנען פון "חֶרְפַּת נָבָל אַל תְּשִׂימֵנִי" איז, אז מיר טארן נישט באאיינדרוקט ווערן פון דעם ליארעם וואס די רשעים דערהייבן קעגן אונז.

די פרעסע און דער ליטעראטור זענען פאלש. די שולעס זענען נעסטן פון פאלשקייט, און אלע שיטות פון די אומות העולם, מיט זייערע רעליגיעס און אידעאלאגיעס זענען פאלש דורכאויס!

## מיניה וביה אבא ליזיל ביה נרגא...

דאס איז בכלל נישט קיין עקסטרעמע שטעלונג; די גאנצע פרייע וועלט ווייסט די רשעות און היפאקריטיע פון די קאמוניסטן, און די קאמוניסטישע וועלט זאגט נאך מער איבער די פרייע וועלט.

דאס גאנצע קריסטנטום איז פול מיט פאראכטונג קעגן מאכאמאד, און די מאכמאדאנער האַסן די קריסטן.

די כפירה-דענקער ווענדן זיך אפ איינעם דעם צווייטן, און שפעטן אפ יעדנס טעאריעס אויסער די אייגענע. און אכציג מיליאן דייטשן האבן אלע ווי איינער פארדאמט די אידן אלס מערדער און קאנספיראטארן קעגן די וועלטס פרידן...

עס איז דעריבער נישט שווער צו ארויסהאבן די פאלשקייט פון דער וועלט. אבער נאר דער איד האט די ספעציעלע פריווילעגיע צו קענען באטראכטן די געזעלשאפט פון אן אומפארגלייכבארער קוק ווינקל; און ער קען זען די פאלשקייט פון די אומות העולם.

ווען אידן ווערן אבער פארפירט צו שטעלן זייער צוטרוי אין די אומות העולם מיט זייערע שולעס און ליטעראטור, דאן נעמט דער אויבערשטער שריט זיי אויפצואוועקן פון די אילוזיעס. די רשעות וואס גיסט זיך ארויס פון די אקאדעמישע וועלט איז דער אופן וויאזוי השי"ת אנטפלעקט דאס שלעכטס פון די כפירה טעאריקער, וואס פירן

**היינט די געזעלשאפט אויפן ריכטונג פון די זשונגלען, פון וועלכע זיי זענען איבערצייגט אז זיי שטאמען...**

**פון יעצט, זאל קיין שום איד געוויס נישט האבן קיין אילוזיעס איבער די אקאדעמיקער אדער סיי וועמען פון די דרויסנדיגע וועלט. די צייט איז רייף זיך אפצושאקלען פון אלע אידעאלאגיעס פון די אומות העולם.**

**"עוּרִי עוּרִי! לִבְשִׁי עֻזֵּךְ, צִיּוֹן; לִבְשִׁי בִּגְדֵי תִפְאַרְתֵּךְ, יְרוּשָׁלַם עִיר הַקֹּדֶשׁ... הִתְנַעֲרִי מֵעָפָר קוּמִי! כִּי לֹא יוֹסִיף יָבֹא בָךְ עוֹד עָרֵל וְטָמֵא. (ישעי' נב, א-ב)"**

**בחינם!**
נעמט אהיים
דעם קונטרס



# תורת אביגדור

"שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך"

## שו"ת מיט רב אביגדור מיללער זצ"ל

**פראגע: פארוואס טראגן מיר א שווארצע הוט, מער ווי סיי-וועלכע אנדערע סארט הוט? וואס איז דער גרויסער עסק מיט א שווארצע הוט?**

**ענטפער:** זייער א גוטע שאלה. און דער ענטפער איז אז אויב אלע בני תורה וואלטן געטראגן געהלע היטן, וואלטן מיר אלע געדארפט טראגן געהלע היטן. די קאליר איז נישט אזוי וויכטיג. די הויפט נקודה איז זיך צו אידענטיפיצירן מיט די בני תורה, מיט די פרומע אידן. א שווארצע הוט איז אן אויסטערלישער זכות.

ווען א אינגל קומט אן צו זיין בר מצוה באקומט ער א פאר תפילין, וואס קאסט פינף, זעקס אדער זיבן הונדערט דאלאר – און אפילו מער פון דעם. און ער באקומט אויך א שווארצע הוט. פאר מיר, איז די שווארצע הוט גארנישט ווייניגער ווי תפילין! גארנישט ווייניגער. די שווארצע הוט ווייזט אז "ושים חלקינו עמהם" – איך וויל מיין חלק, מיין גורל אין לעבן זאל זיין אינאיינעם מיט די פרומע, אינאיינעם מיט די צדיקים. עס איז מורא'דיג וויכטיג. ושים חלקינו עמהם! איך וויל זיין צוזאמען מיט זיי! עס איז זייער וויכטיג צו דעמאנסטרירן אז דו טוסט זיך אידענטיפיצירן מיט די בני תורה, מיט די פרומע אידן. און דערפאר, איז א מורא'דיגע דערגרייכונג צו טראגן א שווארצע הוט. ווען א בחור אין אונזער שול טוט אן א שווארצע הוט, גיב איך אים א גרויסן מזל טוב, פונקט ווי ווען ער טוט אן תפילין. אזוי וויכטיג איז עס.

דערפאר, זאלט איר נישט פארפאסן דעם געלעגנהייט. יעדעס מאל איר טוט אן אייער הוט, זאלט איר טראכטן, און עס ארויסזאגן הויעך, "ושים חלקינו עמהם." אבער געב אכט אז דיין מאמע אדער ווייב זאלן נישט הערן. זי קען טראכטן אז עפעס האט פאסירט מיט דיר... אבער זאג עס הויעך, "א דאנק דיר באשעפער פאר'ן מאכן מיין חלק צווישן די פרומע אידן."

און א ווייב און א מאמע אדער א שוועסטער זענען גארנישט ווייניגער. סיי-ווען זי זעט איר מאן, איר זון, אדער איר ברודער אנטון א שווארצע הוט, זאל זי זאגן צו זיך, "ברוך השם, מיין חלק איז צווישן די פרומע, די צדיקים פון כלל ישראל. יא! טראגן א שווארצע הוט איז א געוואלדיגע דערגרייכונג.

**שרייבט אייך איין צו באקומען אויף אימעיל דעם וועכענטליכע גליון "ר' אביגדור ענטפערט",**
**שיקט אן אימעיל צו:** rebavigdoranswers@gmail.com